אריבערפירן פאציענטן צו די שפיטעלער אין ניו יארק סיטי, וואס זענען שוין געווען איבערגעפולט.

צוליב דעם דאזיגן זארג, בין איך געווען קעגן עפענען באנגעלאו-קאלאניעס און קעמפ׳ס. ס׳איז געווען א זארג פאר׳ן געזונטהייט און וואוילזיין פון אונזערע איינוואוינער, אריינגערעכנט די צווייטע-היים אייגנטימער וואס האבן געזוכט אוועקצוגיין פון די שטאט און ארויפקומען צו די קעטסקילס. אין יעדן מעסעדזש האב איך טאקע געזאגט אז מיר ווענלן גערן אנטפאנגען יעדן איינוואוינער וואס האט א הויז, אז ער זאל ארויסקומען און זיך דא אויפהאלטן.

אצינד האלטן מיר איין יאר שפעטער; מיר האבן א וואקסין, באהאנדלונגען און פראטאקאלן. איך בין שטאלץ און צופרידן צו אנטפאנגען יעדן וואס וויל קומען אין באנגעלאו-קאלאניעס און קינדער אין קעמפ׳ס. איך וויל טאקע באטאנען אז מיר האבן היי-יאר א רעקארד צאל מענטשן וואס זענען געקומען קיין פאלסבורג, און איך טו אלעס מעגליך אז זיי זאלן זיך שפירן גוט און באקוועם.

**אויב איר וועט געווינען די קומענדיגע וואלן און בלייבן טאון סופערווייזער, וואס וועלן זיין אייערע הויפט פריאריטעטן?**

די זיכערהייט און לעבנס-קוואליטעט פון יעדן איינוואוינער אין די טאון. איך וועל ווייטער שטיין פעסט אויף די פינאנצן, צו רעדוצירן אויסגאבן - סיידן אויף די אינפראסטרוקטור פראיעקטן.

אינעם פארגאנגענעם יאר האב איך זיך אויך געלערנט אז מיר דארפן אינוועסטירן מער צייט און באמיאונגען אין אונזער ״אוטרידזש״ מיט די ארטאדאקסישע אידישע געמיינדע. איך בין פארפליכטעט צו שאפן די פאסיגע ״ליעזאנס״ וואס וועלן קאמיוניקירן דירעקט מיט די פארשידענע טיילן פון די קאמיוניטי, אריינגערעכנט די קעמפ׳ס, ביזנעס און היים-אייגענטימער. דורך וויסן וואס מען ווייסט נישט און צו זוכן זיך צו לערנען, איז דער בעסטער וועג צו טרעפן א צוזאמענארבעט. דאס איז עפעס וואס איך האב געטאן אין לויף פון 12 יאר, יעדן טאג, און איך וועל פארזעצן דאס צו טאן אינעם צוקונפט.

**דער מאנגעל אין פארקינג איז גאר א גרויסע טעמע דורכאויס די זומער חדשים. אין סאוט פאלסבורג איז נישט פארהאן וואו זיך אפצושטעלן, און דער פארקינג לאט אינמיטן ווֹאודבוירן איז א חורבן. איז פארהאן עפעס וואס די טאון קען טאן דאס צו פארבעסערן?**

פארקינג איז די צווייטע טעמע נאך די טראפיק טעמע, וואס דאס איז א ריכטיגער קריזיס. אונזער הויפט ציל איז, אז דער טראפיק זאל פליסן דורכאויס אלע געגנטער, צו ערמעגליכן אז עמוירדזשענסי סערוויס, ווי פייער און פאליציי, זאלן קענען דורכגיין אויב נויטיג. די ״דעליניעטארס״ (די אוועקגעשטעלטע רויטע-בלאקאדעסביים זייט פון די שאסייען) זענען געצילט צו פארמיידן אז מענטשן זאלן זיך אפשטעלן ביי די זייטן פון שאסייען, וואס דאס שאפט טראפיק און עקסידענטס, ווייל






אנדערע קארס זענען געצווינגען ארומצופארן די דאזיגע קארס.

מיר האבן דריי-פאכיג געהעכערט די צאל פארקינג ערטער סיי אין סאוט פאלסבורג און אויך אין וואודבוירן אין די פארגאנגענע יארן, און מיר וועלן פארזעצן דאס צו טאן. אינעם קומענדיגן יאר וועלן מיר אריבערפירן ״אינגבער פארק״ צו אן אנדערן ארט, כדי צו פארברייטערן דעם פארקינג לאט אין סאוט פאלסבורג, און מיר וועלן פארהאנדלען מיט לאנד-אייגענטימער אין וואודבוירן צו פארברייטערן דעם דארטיגן פארקינג לאט.

**פאריגע וואך האט די וואודבוירן שוהל אפגעצייכנט איר 100׳סטער יארטאג, און הרב יונגרייז האט יעדן איינגעשלאסן אין דעם פרייליכן מעמד. וואס איז געווען אייער צוזאמענארבייט דערמיט?**

ס׳איז נישט אלעמאל וואס מען קען ביייוואוינען ווען אייערע פריינט זענען אזוי בשמחה. איך בין געווען צופרידן מיטצוהאלטן דעם פארזאמלונג מיט הרב יונגרייז און די הונדערטער מענטשן וואס זענען געקומען זיך מיטפרייען. איך בין אויך שטארק דאנקבאר פאר הרב יונגרייז און זיין פאמיליע פאר די אויסערגעווענליכע קאאפעראציע וואס ער שטעלט צו פאר אונזערע פאליציי אגענטורן. איך בין דאנקבאר פאר אונזער פאליציי דעפארטמענט, אנגעפירט דורך טשיף ווילिאמס, וואס האט ערמעגליכט א זיכערן טראפיק-פלוס. מיר זענען דאנקבאר פאר די הילף וואס מיר האבן באקומען פון די ניו יארק סטעיט פאליציי און אונזער שעריף׳ס דעפארטמענט, און איך בין גאר שטארק דאנקבאר אז הרב יונגרייז האט מיך אריינגענומען אין די שוהל זיך מיטצופרייען בשעת ער האט געטאנצט מיט די נייע ספר תורה.

**מיר זעען דא בילדער פון אייך מיט הרב בענדער פון ״ישיבה דרך התורה״, וואס איז אייער פארבינדונג מיט אים?**

איך האב געהאט די פריווילעגיע זיך צו טרעפן מיט הרב בענדער, דורך זיין זון, הרב משה בענדער. ווען זיי האבן אפגעקויפט און אנגעהויבן רענאווירן ״קעמפ אורייתא״ אין וואודבוירן האט ער זיך געווענדן צו מיר פאר הילף. מיר האבן זיך געטראפן און אויסגעארבעט א פלאן, און יעדעס יאר האבן מיר געארבעט צוזאמען ווען זיי האבן רענאווירט און פארברייטערט זייער קעמפ.

מיט א צייט צוריק בין איך איינגעלאדענט געווארן צו די ישיבה אין פאר-ראקאוועי זיך צו טרעפן מיט הרב בענדער, און איך בין שטאלץ אז זיי האבן אויסגעקליבן פאלסבורג פאר ״קעמפ אורייתא״.

**ס׳איז נישט קיין סוד אז עס איז פארהאן א מאסיווע באוועגונג צו בויען נייע הייזער און דעוועלאפמענטס אינעם טאון אוו פאלסבורג. אסאך מענטשן שיקן אריין פארלאנגען צו אייער אפיס זוכנדיג בילדינג פערמיטס פאר שוהלן, קעמפ׳ס און דעוועלאפמענטס. ווי אזוי טוט אייער אפיס רעאגירן צו די דאזיגע פארלאנגען?**

מיר האבן נאכנאנאנד פארברייטערט אונזער בילדינג דעפארטמענט נאכצוקומען די פארלאנגען, אבער ס׳איז פארט נישט גענוג. אונזער טאון האט די גרעסטע בילדינג דעפארטמענט אין די קאונטי, און מיר וואלטן צוגעלייגט נאך מאנשאפט, אבער ס׳איז פארהאן א מאנגל אין פאטענציאלע אינספעקטארס. מיר פרובירן צו באהאנדלען די פערמיטן אויפ׳ן שנעלסטן אופן, און מען קען דאס זען דורך די רעקארד צאל ״סערטיפיקאטן אוו אקופענסי״ וואס מען האט ארויסגעגעבן זינט איך בין געווארן סופערווייזער; טויזנטער ״סי. או׳ס״, פיל מער ווי סיי וועלכע טאון אינעם קאונטי.

מיר ווילן זיך פארברייטערן, און איך האף צו קענען איינשליסן אינספעקטארס פון צווישן די ארטאדאקסישע געמיינדע, וואס איך גלויב אז דאס וועט אויך פארבעסערן דעם אנזען פונעם דעפארטמענט.

אונזער הויפט זארג איז די זיכערהייט פון די וואס וועלן וואוינען אין די געביידעס, נישט פון די דעוועלאפערס. מיר האבן געזען איינמאל און נאכאמאל, אז אונזער בילדינג דעפארטמענט מוז פארזיכערן אז יעדע נייער איינוואוינער וועט קענען זיין רואיג און זיכער אינעם הויז וואס ווערט פאר אים געבויט. איך בין איבערצייגט אז ס׳איז אונזער פליכט דאס צו ערמעגליכן.

**ס׳איז פארהאן נאך עפעס וואס איר ווילט דערמאנען, וואס מיר האבן נישט אויפגעברענגט?**

גייענדיג פאראויס אינעם וואל-סעזאן, וועלן אייערע לייענער מעגליך הערן נעגאטיווע זאכן איבער מיר... רוב, אויב נישט אלעס, וועט זיין פון אומאידענטיפיצירטע סאשעל-מידיא קוואלן. איך האב ״געהערט״ אז איך בין געווען קעגן דעוועלאפמענטס... ס׳קען נישט זיין עפעס ווייטער פונעם אמת ווי דאס!

דא האט איר די ציפערן: זינט 10׳, זענען געבויט געווארן 1,688 פרישע רעזידענץ הייזער; מען האט ארויסגעגעבן איבער 2,200 ״סי. עף. או״.׳ס; 1,029 הייזער ווערן איצט געבויט, און 1,404 הייזער זענען אין די פלאנירונג שטאפלען.

וואס מיר זענען, און וואס מיר וועלן זיין אזוי לאנג ווי איך בין דער סופערווייזער, איז א טאון וואס פארלאנגט אז אלע געביידעס זאלן זיי פארזיכערט, אז זיי זאלן נאכקומען די בילדינג קאודס. מיר ערלויבן נישט אז די עווענטועלע איינוואוינער זאלן פאלן קרבנות צו פראפיטן פון דעוועלאפערס.

איך וויל פארשלאגן אז יעדער וואס האט סיי וועלכע פראגע איבער מיין יושר, אדער איבער סיי וועלכע פון מיינע שטעלונגען, זאל זיך דירעקט פארבינדן מיט מיר. איך וועל זיך טרעפן פערזענליך אדער קאמיוניקירן מיט סיי ווער עס וויל מיט מיר רעדן.

כ׳בין שטאלץ פון מיינע ערגרייכונגען, און איך קוק פאראויס צו קענען האבן א צוזאמענארבעט מיט יעדן ביים אנפירן א גרעסערן און בעסערן ״טאון אוו פאלסבורג״ אין די קומענדיגע יארן.

